# קאנסטיטושאן
## און בּיי-לאָהס

פון

# קאָנגרעגיישאן עדת ישראל

3257 וואַרד סטריט

פיטסבורג, פּא.

געגרינדעט אַוגוסט 1921

Glick Print, 1231 Fifth Ave., Pgh.

# קאנסטיטושאן

## און ביי-לאָהס

פון

# קאָנגרעגיישאן עדת ישראל

3257 וואַרד סטריט

פיטסבורג, פא.

געגרינדעט אַוגוסט 1921

Glick Print, 1231 Fifth Ave., Pgh.

## רולס פון די מיטטינג.

1. רופען דעם מיטינג צו אָרדער.
2. עפענען דעם מיטינג.
3. ראָלל קאָל אָוו אָפּיסערס.
4. פאַרלעזען די מינוטס פון לעצטען מיטינג.
5. רעפּאָרטס אָוו קאָמיטעס.
6. פּראָפּאָזישאָן אָוו מעמבערס.
7. בילס, רעסיטס און לעטערס צו דער קאָנגרע־גיישאָן.
8. ניט געפינישטע ביזנעס.
9. נייע ביזנעס.
10. פאַר'ן גוט און וואָהל פון דער קאָנגרעגיישאָן.
11. פאַרלעזען די קאָלעקטעטע געלדער.
12. שליסונג פון מיטטינג.



## אַ ר ט י ק ע ל 1.

סעק. 1. דער נאָמען פון אונזער קאָנגרעגיישאָן מוז אימער און אייביג בלייבען „קאָנגרעגיישאָן עדת ישראל“, לויט אונזער טשאַרטער. ער קאָן ניעמאַלס געענדערט ווערען. די קאָנגרעגיישאָן מוז געפיהרט ווערען אָרטאָדאָקסיש.

סעק. 2 אַלע ביכער און חשבונות פון דער קאָנגרעגיישאָן מוז געפיהרט ווערען נור אין פּליין אידיש זשאַרגאָן.

## אַ ר ט י ק ע ל 2.

### מיטינגס.

סעק. 1. רעגולאַר מיטטינגס ביי אונזער קאָנג. זאָל שטאַטפינדען אין אונזער שוהל יעדען ערשטען זאָנטאג נאָך שבת מברכים.

סעק. 2. ספּעשיאַל מיטטינגס קענען גערופען ווערען אויס 3 אורזאַכען: ערשטענס, ביי איין מאָושען וואָס עס איז געמאַכט געוואָרען ביי איין רעגולאַר מיטטינג. צווייטענס, ווען דער פּרעזי־דענט געפינט פיר נעהטיג צו רופען איין ספּעשיאַל מיטטינג. און דריטענס, ווען 7 גוטשטעהענרע מעמבערס פערלאַנגען עס דורך אַ פּעטישען צום פּרעזידענט. אין פאַלס דער פּרעזידענט וויל נישט

אָרדערען דעם סעקרעטער צו רופען דעם פערלאַנגטען מיטטינג, זאָלען זיך די 7 מעמבערס ווענדען צום וויים־פרעזידענט און ווען דער וויים פרעזידענט וויל אויך נישט רופען דעם מיטטינג, דאַן זאָלען זיי זיך ווענדען צום סעקרעטער אונד דער סעקרעטער מוז רעספעקטירען דעם אָרדער אונד רופען דעם מיטטינג אָהנע דעם פרעזידענט אָדער וויים פרעזידענט. אונד זיי האָבען דאָס פולע רעכט אַלעס צו פערהאַנדלען לויט דעם צוועק פאַר וועלכען דער מיטטינג איז גערופען געוואָרען. זיי האָבען אויך אַ רעכט צו עלעקטען אַ טשערמאַן פיר דעם מיטטינג, און פאַלס דער סעקרעטער וויל אויך נישט רעספעקטירען דעם אָרדער פון די 7 מעמבערס, האָבען זיי אויך אַ רעכט צו עלעקטען איין סעקרעטער פיר דעם מיטינג אונד קענען אַלעס קאָנדוקטען אונד עס זאָל ווערען אַריין געשריבען אין מינוטס בוך. דער רעגעלער סעקרעטער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן זאָל שטראַפירט ווערען מיט 10 דאָלאַר פאַר נישט בעפאָלגען דעם אָרדער פון די 7 גוט שטעהענדע מעמבערס.

סעק. 3. ביי איין ספעשיאַל מיטטינג קענען נישט פערהאַנדעלט ווערען קיינע אַנדערע ביזנעס נאָר די וואָס עס זיינען געמעלדעט געוואָרען אין די נאָטיס.

סעק. 4. אַ דזשענעראַל מיטינג קען נאָר שטאַטפינדען יעדע 3 מאָנאַט נאָך דעם רעכנונג פון דעם עלעקשאָן פיר אָפיסערס.

סעק. 5. די ערשטע נאָמינײשאָן פיר אָפיסערס



דאַרף זיין אין חודש מנחם אָב, און די צווייטע אין חודש אלול און ביי עלעקשאָן טאָר קיין נאָמינײשאָן ניט זיין.

סעק. 6. בעפאָר איין דזשענעראַל מיטטינג זאָל דער סעקרעטער אַרוים שיקען נאָטיס צו יעדען מעמבער מיט איין רעכענונג פון זיינע שולדען ביז דער צייט.

סעק. 7. יעדער מעמבער מוז זיין קלייער פון זיינע שולדען נאָך דעם רעכענונג פון סעקרעטער ביז עלעקשאָן. ווען ניט. קען ער קיין אָפיס ניט אָננעהמען און קען אויך אפילו ניט וואָוטען פיר איין אָפיסער ביי דעם עלעקשאָן.

אַנמערקונג: שולדען הייסט, דיוס, עליות, סיט געלד, שטראַפע געלד א. ז. וו.

סעק. 8. ווען ביי איין מיטינג קומט די באַשטימטע צייט צו עפענען דעם מיטטינג נאָך דעם רעכט פון דעם קאָנסטיטושאָן אונד עס געפינען זיך ניט מעהר ווי 7 גוטשטעהענדע מעמבערס האָט דער פרעזידענט דאָס רעכט צו עפענען דעם מיטינג אונד אַלע ביזנעס אַטענדען.

## אַ ר ט י ק ע ל 3.

## בעאַמטע.

סעק. 1. אָפיסערס מוזען עלעקטעט ווערען אין אונזער קאָנגרעגיישאָן פאָלגענדע: פרעזידענט, וויים פרעזידענט, פוירסט טראָסטי, טרעזשורער, סעקרעטער אונד 7 באָאַרד אָוו דירעקטאָרס, אונד דער ניי ערוועהלטער פרעזידענט ברויכט אַפוינטען 3 טראָסטיעס.

סעק. 2. איין שמש מוז עלעקטעט ווערען ביי אַ מאַדזשאָריטע וואָוטס. ער מוז יעדען יאָהר בעפאָר די נאָמינײשאַנס פון אָפיסערס אַריין שיקען איין אַפּליקײשאַן. דער יעניגער וואָס וויל לויפען פיר שמש מוז זיין איין יודע ספר, אַ שומר שבת און מוז קענען לעזען אונד שרייבען. ביי עלעקשאַן קען קיין אַפּליקײשאַן ניט אָנגענומען ווערען.

סעק. 3. ווען איין אָפיסער וואָס נעהמט וויידזשעס, אַטענדעט ניטט צו זיין דיוטי, קען עני מעמבער ברײנגען איין טשאַרדזש געגען איהם, אונד דער פּרעזידענט זאָל אַפּאָינטען אַ טשאַרדזש קאָמיטע פון 5 מעמבערס אום אויסצוהערען זיין פאַרטהיידיגונג, אונד ברענגען אַ רעפּאָרט צום נעקסטען מיטינג אויב ער איז שולדיג אָדער ניט. די קאָמיטע מוז מיטען נישט שפּעטער ווי דעם 2טען זונטאָג פון דעם מיטינג וואָס זיי זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען.

סעק. 4. יעדער מעמבער וואָס איז קליער אין בוך פון שולדען, איז בערעכטיגט צו איין אָפיס.

סעק 5. ווען איין מעמבער וועלכער איז גענאָמינייטעד געוואָרען פאַר איין אָפיס, קומט נישט צום עלעקשאַן, קאָן ער עלעקטעט ווערען ווען ער האָט געשיקט צו דער חברה ריכטיגע ריזאָנס פאַר זיין אַבוועזענהייט.

## אַרטיקעל 4.
### דיוטיעס פון פּרעזידענט.

סעק. 1. ביי דעם פּרעזידענט ברויכט זיך צו געפינען אַלע ווערטהפאָלע פּאַפּירען אונד ווערטהפאָלע זאַכען וואָס בעלאַנגען צו אונזער קאָנגרעגײשאָן, אונד צוואַר: דער דיעד, דער טשאַרטער, דיא קאָנסטיטושאָן, דער זיעגעל, די באָנדס פון אָפיסערס וועלכע די קאָנסטיטושאָן פערלאַנגט פון זיי. די אַלע זאַכען ברויכען זיך צו געפינען ביים פּרעזידענט, אונד ווען עס ענדיגט זיך זיין טערם אונד עס ווירד עלעקטעט איין אַנדערער פּרעזידענט, מוז ער די אַלע זאַכען איבערגעבען צום נייעם עלעקטעטען פּרעזידענט ביי דעם אינסטאָליישאָן. דער פּרעזידענט דאַרף אויך געבען דעם סעקרעטער איין אינווענטאָרי, ספּעציפייעט יעדעס פּייפּער בעזאָנדער, פון די אַלע ווערטהפאָלע זאַכען וואָס געפינען זיך ביי איהם, אונד אונטערסאַינען דעם אינוועטאָרי.

סעק. 2. דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט צו ספּענדען נישט מעהר ווי 5 דאָלאַר פון איין מיטינג צום צווייטען, אויסער ביי איין עקסידענט אין בילדינג ביז 25 דאָלאַר.

סעק. 3. ווען דער פּרעזידענט געפינט פיר נויטיג צו ספּענדען מעהר ווי די אויבען דערמאָהנטע סומע, מוז ער לאָזען רופען איין ספּעשיאַל מיטינג ביי נאָטיס, אונד ביי אַזעלכען מיטינג קאָן געפּעסט ווערען צו ספּענדען וויפיעל עס איז נויטהיג, נור ביי אַ מאַדזשאָריטי וואָוטס.

סעק. 4. דער פּרעזידענט מוז זיך געפינען ביי יעדען מיטינג, הן רעגעלע, והן ספּעשיאַל, אונד דורכפיהרען אַלעס אין אָרדער לויט דער קאָנסטיטושאָן, אָבער ווען דער פּרעזידענט איז נישט אַנוועד־

זענד ביי עני פון די אויבען דערמאַנטע מיטינגס, קאָן דער וויים פּרעזידענט בעטרעטען זיין טשער אונד פערהאַנדלען אַלעס נייטיגעס.

סעק. 5. דער פּרעזידענט מוז געבען יעדען מעמבער ערלויבניס צו רעדען ביי די מיטינגס ווען דער מעמבער פערלאַנגט דאָס נאָך דעם נעקסט, אָבער נור פון דער דעבאַטע וואָס עס קומט פאָר.

סעק. 6. ווען דער פּרעזידענט וויל רעדען אין רעמאַרקס, מוז ער פערלאָזען דעם טשער אונד איהם איבערגעבען צום וויים פּרעזידענט, דאַן קאָן ער רעדען.

סעק. 7. ווען דער פּרעזידענט קומט ניט צו 3 קאָנסעקיוטיווע מיטינגס, אָהנע ריעזענס, זאָל אַ טשאַרדזש קאָמיטע אַפּאָינטעט ווערען, אונד די קאָמיטע זאָל בריינגען אַ רעפּאָרט צו דעם מיטינג, אַבער נור מיט דער איינשטימונג פון דער חברה, ביי אַ מאַדזשאָריטי פון 2 דריטעל.

סעק. 8. די דיוטי פון פּרעזידענט איז: ער מוז זעהן אַז די עלעקשאָן פון אָפּיסערס, זאָל שטאַטפינדען נישט שפּעטער פון ערב הושענא רבה אַבענדס, ווען ער טרייעט אָבער אָבצולייגען די עלעקשאָן פון אָפּיסערס פיר איין שפּעטערע צייט אָהנע ריעזענס, האָבען די מעמבערס מיט דעם וויים פּרעזידענט אַ רעכט צו רופען אַ ספּעשיאַל מיטינג פיר עלעקשאָן, אָדער די מעמבערס אַליין. ווען דער וויים פּרעזידענט וויל אויך נישט אונד דער עלעקשאָן זאָל געמאַכט ווערען אין צייט אָהנע זייער צושטימונג.



ווען ער ברענגט אָבער ריעזענס, מוזען זיי דורכגעהן 2 דריטעל מאַדזשאָריטי. בעפאָר דעם עלעקשאָן פון אָפּיסערס זאָל דער פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ דזשאַדזש און 2 טעללערס וועלכע זאָלען האָבען טשאַרדזש איבער דעם עלעקשאָן. דער דזשאַדזש און די טעללערס טאָהרען נישט זיין קיינע קאַנדידאַטען פיר אָפּיסערס, דער עלעקשאָן זאָל זיין קאָנדוקטעט ביי קלאָוזט וואָוטס, וועלכעס די פּלוראַליטי עלעקטעט.

סעק. 9. אינסטאַליישאָן פון אָפּיסערס, זאָל שטאַטפינדען נישט שפּעטער פון דעם ערשטען מיטינג נאָך סוכות, אונד דער נייער פּרעזידענט דאַרף אויסטהיילען די הקפות, אונד ווען דער פּרעזידענט וויל אָבער אָבלייגען די אינסטאַליישאָן פיר איינע אַנדערע צייט אָהנע ריעזענס, דאַן פאַלט ער אַרונטער אונטער אַרט. 4 סעק. 7.

## אַ ר ט י ק ע ל 5.

### דיוטיעס פון וויים פּרעזידענט.

סעק. 1. דער וויים פּרעזידענט ברויכט זיך צו געפינען ביי יעדען מיטינג אונד מיטהעלפען דעם פּרעזידענד אין יעדער אַנגעלעגענהייט און טרייען צו האַלטען אָרדנונג ביי די מיטינגס.

סעק. 2. ווען דער פּרעזידענט איז נישט דאָ ביי דעם מיטינג מוז דער וויים פּרעזידענט פאַרנעהמען זיין טשער אונד פיהרען דעם מיטינג אין אָרדער, אונד אַלע ביזנעס טראַנסעקטען לויט דער קאָנסטיטושאָן וועלכע ווערען ביי דעם מיטינג פער-

האַנדעלט מיט די זעלבע רעכטע פון דעם פּרעזי־דענט, אונד אויף זיין טשער קען ער אַפּאָינטען אַנ־אַנדער וויים פּרעזידענט ועמען ער וויל.

סעק. 3. ווען דער וויים פּרעזידענט אָדער אַנ־דערע אָפיסערס וואָס דאַרפען זיך געפינען ביי די מיטינגס קומען נישט צו 3 קאָנסעקיוטיווע מיטינגס, זענען זיי אונטערוואָרפען אונטער דער זעלבער לאָה ווי דער פּרעזידענט.

### אַ ר ט י ק ע ל 6.

### דיוטיעס פון טרעזשורער

סעק. 1. דער טרעזשורער ווען ער ווירד עלעק־טעט מוז ער געבען באָנדס 1000 דאָלאַר, אונד זיי איבערגעבען דעם פּרעזידענט ביי דעם מיטינג וואָס ער נעמט איבער זיין אָפּיס.

סעק. 2. פיר אַלע געלדער וואָס דער טרעזשו־רער נעהמט איבער, דאַרף ער געבען דעם סעקרע־טער אַ רעסיט, ער טאָר ווידער נישט אַרויסגעבען קיין געלד אָהן קיין וואַראַנט געסיינט פון פּרעזי־דענט אונד סעקרעטער און געזיגעלט מיט דעם זי־געל פון דער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 3. ווען זיין טערם איז אויס, מוז ער אי־בערגעבען צו דעם נייעם עלעקטעטען טרעזשורער אַלע געלדער וואָס געפינען זיך ביי איהם און אין דער באַנק נאָך דעם רעכענונג פון דעם סעקרעטער,



אָבער ווען ער וויל דאָס ניט איבערגעבען גלייך, זאָל זיך די קאָנגרעגיישאָן ווענדען צום באָנדסמאַן.

סעק. 4. די סאַלאַרי פון דעם טרעזשורער זאָל זיין $1.00 אַ יאָהר.

### אַ ר ט י ק ע ל 7.

### דיוטיעס פון סעקרעטער.

סעק. 1. סעקרעטערס קענען עלעקטעט ווערען צוויי, איין פינאַנס סעקרעטער אונד איין רעקאָרדינג סעקרעטער, אונד עס קען אויך עלעקטעט ווערען נור איינער פירביידע אָפיסעס, דאָס איז אַזוי ווי די מעמבערס בעשטימען ביי דעם עלעקשאָן.

סעק. 2. דער סעקרעטער מוז צו יעדען מיטינג ברענגען דעם מינוטס בוך, אונד פאָרלעזען די מי־נוטס פון לעצטען מיטינג. אויב זיי זיינען קאָרעקט, דאַן קאָנען זיי אַפּרואווט ווערען ביים פּרעזידענט, ווען ניט, מוז ער זיי קאָרעקטען, ער מוז פערשריי־בען אַלעס וואָס ווירד פערהאַנדעלט ביי דעם מי־טינג קאָרעקט.

סעק. 3. דער סעקרעטער מוז צו יעדען מיטינג מיטברענגען אַלע זיינע ביכער, אום צו צייגען יעדען מעמבער זיין רעכענונג ווען ער פערלאַנגט עס פון איהם.

סעק. 4. דער סעקרעטער דאַרף יעדען זאָנטאָג אַרוים געבען אַ צעטעל פאַר קאָלעקשאָן הן פון מעמ־

בערס, והן פון פרעמדע צו די אַפּאָינטעטע קאָלעק־
טאָרס, אונד איבערנעהמען פון זיי דעם קאָלעקשאָן,
אונד קרעדיטירען יעדען אויף זיין אַקאַונט, נאַכהער
איבערגעבען דאָס געלד צו דעם טרעזשורער אונד
נעהמען ביי איהם אַ רעסיט פאַר דער סומע.

סעק. 5. דער סעקרעטער דאַרף זיך געפינען
אין שוהל בעת קריאת התורה שבת וי״ט וי״מים
נוראים אום צו וויסען אַ חשבון פון עליות און נדרים.

סעק. 6. דער סעקרעטער דאַרף יעדען מעמ־
בער דעביטירען אויף זיין אַקאַונט עליות ונדרים
און אַסעסמענטס, אונד צום מיטינג דאַרף ער שי־
קען יעדען מעמבער אַ סטייטמענט פון זיינע שולדען.

סעק. 7. דער סעקרעטער דאַרף פיהרען אַלע
רעכענונגען פון דער שוהל הן אַזעלכע וואָס געהען
דורך דעם טרעזשורער, והן אַזעלכע וואָס ווערען
געספּענדעט דורך אַנדערע, ער מוז פון אַלעם פיה־
רען איין אַקאַונט, אונד ווען זיין טערם ענדיגט זיך,
דאַרף ער פון יעדען בעזונדער געבען רעכענונג אין
זיין יעהרליכען רעפּאָרט.

סעק. 8. אַלע געלדער וואָס ווערען אַריינקומען
אין אונזער שוהל, הן ביים מיטינג, והן דורך אַ גע־
דונגענעם קאָלעקטאָר, והן דורך איין אַפּאָינטעטען,
מוזען זיי איבערגעבען דעם סעקרעטער און ער זאָל
דאָס איבערגעבען דעם טרעזשורער און נעהמען אַ
רעסיט אויף דעם געלד, אונד פיהרען אַ רעכענונג
מיט דעם טרעזשורער.



## אַ ר ט י ק ע ל 8.

### דיוטיעס פון טראָסטיעס.

סעק. 1. טראָסטיעס זיינען פערפליכטעט צו
האַלטען אָרדנונג אין שוהל בעת התפילה, זיי דאַר־
פען אַכטונג געבען אַז יעדער זאָל זיצען אויף זיין
סיט אונד נישט לאָזען זיך אַרומשפּאַצירען הן ביי
דעם דאַווגען והן ביי קריאת התורה. ווען מען וויל
זיי נישט פאָלגען ווען זיי רופען צו אָרדער, זאָלען זיי
גלייך רעפּאָרטען צום פּרעזידענט.

סעק. 2. די זעלבע פּפליכטען האָבען זיי אויך
ביי די מיטינגס. זיי דאַרפען העלפען דעם פּרעזידענט
צו האַלטען אָרדער אין יעדער אַנגעלעגענהייט, ווען
דער פּרעזידענט פאָדערט פון זיי, זיי דאַרפען זעהן
אז קיין פרעמדער זאָל נישט אַריין קומען צום מיטינג
אָהנע ערלויבענעס פון פּרעזידענט.

סעק. 3. ווען איין מעמבער מאַכט דיסאָרדער
אין שוהל בעת התפילה און פאָלגט ניט די טראָס־
טיעס און דער טראָסטיע רעפּאָרטעט איהם צום
פּרעזידענט דאַן דאַרף דער פּרעזידענט צוגעהן צום
מעמבער און איהם הייסען ער זאָל זיך בעהייוען און
ווען דער מעמבער פאָלגט דעם פּרעזידענט אויך
נישט, דאַן קאָן דער פּרעזידענט ברענגען טשאַרד־
זשעס אויף דעם מעמבער אונד ווען אַ טשאַרדזש
קאָמיטע געפינט איהם שולדיג, דאַן קאָן דער פּרע־
זידענט דעם מעמבער שטראַפירען פון 1 ביז 5 דאָל־
לאַר צום ערשטען מאָל, אונד ווען עס מאַכט זיך אַ

דריטעס מאָל, קאָן ער עקספּעלט ווערען פון מעמבערשיפּ אונד דאָס געלד וואָס ער ווערט שטראָפירט איז אַזוי גוט ווי דיוס, אונד דאַרף צוגעשריבען ווערען צו זיין אַקאַונט.

## אַ ר ט י ק ע ל 9.

### רעכטע און פפליכטען פון מעמבערס

סעק. 1. ווען איינער וויל ווערען אַ מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן, דאַרף ער פּראָפּויזט ווערען פון אונזערען אַ מעמבער אונד געבען פּראָפּאָזישאָן געלד פון 1 דאָלאַר, דאַן זאָל דער פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ קאָמיטע פון 3 אום אויסגעפינען צו דער מאַן איז פּאַסענד צו זיין אַ מעמבער אין אונזער קאָנגרעגיישאָן אונד ביי דעם נעקסטען מיטינג, ווען די קאָמיטע ברענגט אַריין אַ גינסטיגען רעפּאָרט, דאַן זאָל דער פּרעזידענט אָרדערען דעם באַלאָט באָקס אונד די מעמבערס זאָלען וואָוטען ביי באַלאָטס אונד 3 שוואַרצע באַלאָטס רידזשעקטען איהם.

סעק. 2. ווען איינער איזט פּראָפּויזט געוואָרען פיר אַ מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן אונד ווערט נישט אויפגענומען, קאָן ער שפּעטער מיט 6 מאָנאַט ווידער פּראָפּויזט ווערען.

סעק. 3. יעדער מעמבער מוז אויספאָלגען דעם אָרדער פון פּרעזידענט, וויים פּרעזידענט, טראָסטיעס אונד אַנדערע אָפיסערס וואָס האָבען אַ רעכט



צו האַלטען אָרדער, הן בעת התפילה, והן ביי מיטינגס. ווען ער בעפאָלגט נישט אונד אַנערקענט נישט דעם אָרדער, האָט דער פּרעזידענט דאָס רעכט איהם צו הייסען פערלאָזען זיין פּליים דורך אַ טראָסטיע.

סעק. 4. ווען איין מעמבער קריגט דעם פלאָאָר צו רעדען, מוז ער זיך אויפשטעלען אונד רעדען געלאַסען, אונד נישט צו בעליידיגען קיין איינציגען אין זיין רעדע. קיין איינער האָט ניט דאָס רעכט איהם אין זיין רעדע צו סטאָפּען ביז ענדע. ווען ער רעדט נישט אין אָרדער, קאָן איהם דער פּרעזידענט קאָרעקטען אָדער זאָגאַר סטאָפּען צו רעדען, זיין רעדע מוז נור זיין פון דער דעבאַטע, וואָס עס ווערט פערהאַנדעלט ביי דעם מיטינג (אונד נישט מעהר ווי 7 מינוט צייט.)

סעק. 5. ווען איין מעמבער פערלאַנגט דעם פלאָאָר אונד דער פּרעזידענט וויל איהם נישט געבען קאָן ער זיך ווענדען צום וויים פּרעזידענט אונד ווען דער וויים פּרעזידענט וויל איהם אויך נישט געבען, דאן קאָן ער זיך ווענדען צו די מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאָן אונד פאָדערען זיין רעכטע דורך איין מאַדזשאָריטי פון צוויי דריטעל פון די מעמבערס וואָס זיינען אַנוועזענד ביים מיטינג.

סעק. 6. קיין מעמבער טאָר נישט בעליידיגען איין ברודער פון דער קאָנגרעגיישאָן הן ביים מיטינג והן בעת התפילה, והן אין עני צייט אין שוהל. ווען ביי איין מיטינג וויל אַ מעמבער נישט בעפאָלגען דעם פּרעזידענט, קאָן דער פּרעזידענט דעם מעמבע־

בעשטראָפען מיט 50 סענט ביז 5 דאָלאַר. דער מעמ-
בער האָט אַ רעכט צו אַפּעלירען געגען דער שטראַ-
פע פון פּרעזידענט. אונד אין פאַלס איין מעמבער
אָדער אייניגע מעמבערס מאַכען איין דיסאָרדער
אונד מען מוז דורך דעם קלאָזען דעם מיטינג, האָט
דער פּרעזידענט אָדער די מעמבערס דאָס רעכט צו
ברענגען טשאַרדזשעס איבער דעם.

סעק. 7. ווען איין מעמבער בעליידיגט אַ ברו-
דער אין די אויבען דערמאָהנטע צייטען אין שוהל
קאָן דער בעליידיגטער ברודער ברענגען איין קלאַגע
ביי דעם מיטינג, אונד דער פּרעזידענט דאַרף דאָס
איבערגעבען צו איין טשאַרדזש קאָמיטע, אונד ווען
די קאָמיטע געפינט איהם שולדיג, קאָן דער פּרעזי-
דענט איהם בעשטראָפען מיט 50 סענט ביז 5 דאָלאַר
צום ערשטען מאָל, אונד ווען עס מאַכט זיך אויך אַ
צווייטען מאָל, קאָן ער איהם בעשטראָפען פון $5.00
ביז $10.00, אונד צום דריטען מאָל ווערט ער עקס-
פעלט פון מעמבערשיפּ אונד פערלירט אויך אַלע
רעכטע פון די קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 8. קיין נייער מעמבער קען ניט וואוטען
ביי איין עלעקשאָן סיידען ער איז שוין 3 מאָנאַט אַ
מעמבער און גוטשטענדיג.

סעק. 9. קיין איינציגער קאָן נישט צוגעהן
דאַווענען צום עמוד שבת וי"ט, אפילו איין מעמ-
בער, ער טאָר אויך נישט צושטעלען אַ פרעמדען
צום עמוד, אָהנע די ערלויבנים פון איין אָפיסער
וואָס איז באַרעכטיגט דאַרויף.

סעק. 10. ענין קאָמיטע וואָס ווירד אַפּאָינטעד



ביים פּרעזידענט אונד וויים פּרעזידענט אונד אַטענ-
דען נישט צו זייער דיוטי האָט דער פּרעזידענט אַ
רעכט צו דיסטשאַרדזשען די קאָמיטע אונד אַפּאָינ-
טען איינע אַנדערע קאָמיטע אויף זייער פּלאַץ. די
קאָמיטע קאָן זיך אויך נישט אַבזאָגען סיידען זי גיט
אָן ריכטיגע ריזענס.

סעק. 11. יעדער מעמבער מוז צאָהלען דיוס
פון 6 דאָלאַר אַ יאָהר וועלכע זיינען בעשטימט גע-
וואָרען פון דער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 12. ווען די מעמבערס וועלען איינזעהן
אַז די שוהל פאָדערט גרעסערע הוצאות אונד מען
מוז העכערען די דיוס, מוז אַ ספּעשעל מיטינג גערו-
פען ווערען. פון אַלע מעמבערס אונד אין די נאָטיס
מוז געמעלדעט ווערען אויף וואָס פאַר אַ צוועק דער
מיטינג וועט גערופען ווערען, דאָן קאָן ביי אַזאַ מי-
טינג בעשטימט ווערען אויף וויפיעל צו העכערען די
דיוס אונד אַסעסמענטס, נור ביי אַ מאַדזשאָריטי פון
צוויי דריטעל מעמבערס וואָס זיינען אַנוועזענד.

אונטערזוכונגס קאָמיטע.

סעק. 12. ביים לעצטען רעגולער מיטינג אין
אַפּריל און אָקטאָבער פון יעדעס יאָהר דאַרף דער
פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ קאָמיטע פון 5 מעמבערס
אום צו אונטערזוכען די ביכער פון דער קאָנגרעגיי-
שאָן אונד צום נעקסטען מיטינג זאָלען זיי ברענגען
איין רעפּאָרט.

סעק. 13. די קאָמיטע וועגען סיטס צו פאַרענ-
טען זאָלען אַפּאָינטעט ווערען ביים פּרעזידענט מיט
3 מאָנאַט בעפאָר רה"ש פון יעדען יאָהר.

## אַרטיקעל 10.

### קראַנקענפעללע.

סעק. 1. ווען אַ מעמבער איז ח"ו קראַנק, זענען די אָפיסערס אונד די מעמבערס פערפפליכטעט איהם צו בעזוכען, איינער אָדער 2 יעדען טאָג נאָך דעם אויפטראַג פון דעם פרעזידענט. פאַלס דער יעניגער וואָס דער פרעזידענט בעאויפטראַגט איהם דעם קראַנקען ברודער צו בעזוכען אַטענדעט נישט אָהנע ריכטיגע ריזענס, קאָן איהם דער פרעזידענט בעשטראָפען פון 25 סענט ביז 1 דאָלאַר.

## אַרטיקעל 11.

### אַמענדמענטס.

סעק. 1. ווען די מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאָן וועלען איינזעהן אַז מען דאַרף מאַכען איין אַמענדמענט צו די קאָנסטיטושאָן, זאָל דער פרעזידענט רופען אַ ספעשעל מיטינג ביי נאָטיס און ווען עס ווירד געפעסט ביי דעם מיטינג אַז מען זאָל מאַכען די אַמענדמענט זאָל דער פרעזידענט אַפּאָינטען אַ קאָמיטע פון 5 אום אויסצואַרבייטען די אַמענדמענטס אונד ווען עס ווירד 3 מאָל פאָרגעלעזען אונד עס ווירד געפעסט, זאָל עס דער סעקרעטער אַריין שרייבען אין דעם מינוטס בוך אונד עס ווירד אַ לאָה, דאַן קאָן עס צוגעשריבען ווערען צו די קאָנסטיטושאָן פון אונזער קאָנגרעגיישאָן.



## אַרטיקעל 12.

סעק. 1. ווען אַ מאָושען ווערט געפעסט ביי עני מיטנג אונד עס איז אַריינגעשריבען אין מינוטס בוך, קאָן נישט רעקאָנסידערט ווערען ביים נעקסטען מיטינג, פיידען ביי 2 דריטעל פון אַנוועזענדע ביי דעם מיטינג.

## אַרטיקעל 13.

### סיטס אין שוהל.

סעק. 1. יעדער מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן מוז רענטען סיטס פאַר זיך אונד פאַר זיין פרוי אין אונזער שוהל. אָדער אויב ער וויל קויפען קען ער קויפען אויף 10 יאָהר אויסצאָהלען. די סיטס וואָס ער קויפט מוזען זיין קאָנעקטעט לויט די נומבערס, ענטוועדער דער פרויען סיט נאָך מענער סיט, אָדער דער מענער סיט נאָך דעם פרויען סיט. יעדער מעמבער האָט ווידער אַ רעכט, אויסצוטשענדזשען זיינע סיטס פאַר ביליגערע אָדער פאַר טהייערע.

סעק. 2. ווען אַ מעמבער וויל נישט רענטען קיינע סיטס ביי אונז אין שוהל פאַר זיך און פאַר זיין פרוי, קען ער ניט בעלאַנגען צו אונזער קאָנגרעגיישאָן.

די קאָנסטיטושאָן איז אַדאָפּטעט געוואָרען
דעם 14טען סעפּטעמבער, 1930

## קאָנסטיטושאַן־קאָמיטע

לואיס טישערמאַן, טשערמאַן

מאקס לעווענטאָן
ברוך יפה
לאזארוס קאָהען
פּנחס ראַפּאַפּאָרט



## אָפּיסערס:

שלמה לינדער............... פּרעזידענט
מרדכי לעווינטאָן..... ווייס פּרעזידענט
נפתלי ריף................ טרעזשורער
משה פּאַוולאָף.....פינאַנס סעקרעטער
ברוך יאַפּע.....רעקאָרדינג סעקרעטער

---

### באָרד אָוו דירעקטאָרס:

אליעזר קאָהען
אליעזר פריעדלענדער
אברהם בערלין
פּנחס ראַפּאַפּאָרט
אליהו זינגער
מענדעל קייזערמאַן
אַהרן לינקער
בעניע קלי
לואיס פּענער

# מעמבערס:

זלמן בערקמאַן

יהושע בערקאָוויטש

שלמה באַנד

יהושע בערמאַן

אברהם בערלין

יהושע בערגער

סעם גילבערט

יוסף גאַאַל

יונה גאָלדמאַן

חיים געפּסקי

שבתי געפּסקי

לואי געפּסקי

משה וויינערמאַן

חיים הלל וואָלק



יצחק זאַינטס

אליהו זינגער

לייב טישערמאַן

פּ. טאַיסאָן

ברוך יאַפּע

שלמה לינדער

אהרן דוד לינדער

משה לינדער

מרדכי לעווינטאַן

דוד לייזמאַן

אהרן לינקער

שמואל לעווין

שמואל מיללער

בנציון סיגעל

משה פּאַוולאָף

אשר פּאַרמאַן

לואיס פענער

אליעזר פרידלענדער

יוסף פייוויש

פּאָלאַטשאַק

דוד פרידמאַן

דוב קלי

מענדעל קייזערמאַן

אליעזר קאָהען

זלמן מאניש קאָלמאַן

יהושע קאסדין

שרגא שמעון קימעגעל

זעליג אַרי׳ ראָזענבערג

פּנחס ראַפּאַפּאָרט

סעם רובינשטיין

סעם רויטמאַן

נפתלי ריפּפּ

מענדעל שאַרינסקי

משה שלאַקמאַן